

# מען זעט.

עין רואה. דער באשעפער זעט. דיינע חברים אין בית המדרש באמערקן.
דיינע קינדערלעך שפירן דאס. מען קען דאס פון קיינעם נישט באהאלטן.

אינטערנעט ברענט און טריקנט אויס דעם גאנצן מענטש.
מען פארלירט ביידע וועלטן. מען האט גארנישט פונעם לעבן.

אין ספר חסידים שטייט: "אם באת לידי נסיון והתאפקת מלחטוא, אל תחזיק טובה לך לומר עמדתי בנסיון, שמא באו אבותיך לאותה מדה, וכשלא חטאו בקשו מהקדוש ב"ה כשיבוא בניהם באותה מדה שיתאפקו בהם מחטוא..."

זאגן אויף דעם צדיקים: ווען א מענטש קומט צו א ניסיון, זאל ער סיי טראכטן וויאזוי ער וואלט געוואלט זיינע קינדער זאלן זיך אויפפירן אין אזא מצב, און אויך זאל ער מתפלל זיין אז זיינע קינדערלעך זאלן זיין אפגעהיטן מכל דבר רע, מעבירה ומכל דבר מכוער, וינצל.